balboos
יגיע כפיך כי תאכל
June 14, '10
פרשת חקת תש״ע

די היינטיגע וואך

דינסטאג: עטליכע ערלי טעקסעס דוי דעיט, מאכט זיכער מיט אייער אקאונטענט אז איר זענט אפ טו דעיט.

דאנערשטאג: טייל עולם פארט אין קאנטרי.



דער פרנסה ראפעל גורל׳דיגער טאג איז שוין אט דא!
TUESDAY, JUNE 22 2010   ג׳ פרשת בלק תש״ע
PARNASSA SEMINAR
STAY TUNED
Get SMS Drawing updates
Text WIN130 to 43704
CLICK HERE FOR MORE DETAILS

דעת בעל-בית

רעאגירט איבער די וואלעראו גאז סטאנציע

קודם א דאנק פאר אייער ארבייט, איך גלייך עס זייער שטארק, ספעציעל אז איר גיט א טשאנס פאר יעדן צו זאגן א מיינונג.

וועגן די וואלעראו גאז סטאנציע, וואס איינער האט געשריבן פאריגע וואך (דעת בעל-בית פ׳ קרח) אז זיי פרובירען צו באשווינדלען דעם עולם, איך בין מסכים דערמיט, איך האב אויך געהאט אזא עקספיריענס, אבער, נאר אויף די "נאורט באונד" אבער די אויף די "סאוט באונד" ד"ה אויפן וועג אריין אין שטאט, איז אקעי, איך בין דארט זייער אפט.

יישר כח
יואלי פ.
ספרינג וואלי נ.י.

רעדאקציע: דער בריוו פונעם שרייבער האט זיך יא באצויגן צום "סאוט באונד" אויפן וועג צוריק פונעם קאנטרי - לויט ווי מיר האבן פארשטאנען.

נאך באותו ענין

בנוגע דעם וואלעראו גאז סטאנציע אויפן 17, יפה בעתו, שוין כמה פעמים געהאט עגמת נפש מיט זיי, כאטש נישט קיין "שווינדלעריי", אבער איך שטעל זיך נישט אפ מער דארט. זיי זענען שוין גענצליך "געספוילט" און שפירן אז זיי מוזן זיך בכלל נישט צושטעלן צו קיין קאסטומער. ביליגער ווי אנדערע איז ער אויך נישט. קענט איר אלזא גיין צו סיי וועלכע אנדערע גאז סטאנציע אויפן 17, יעדער פארקויפט כשר צו עסן, און הייסע קאווע.

אגב וואלט איך הנאה געהאט צו זעהן יעדע וואך אין בעל-בית די ביליגסטע גאז סטאנציעס אויפן 17.

הצלחה רבה
(-)

פראבלעם נאכן אינסטולירן פלאג-אין אין אוטלוק עקספרעס

פאריגע וואך האט מען מיטגעשיקט א לינק צו א פלאג אין פאר אוטלאק (טיפס און דאונלאדעס פון א ליינער - 1 פ׳ קרח), זייט דעמאלטס האב איך א פראבלעם ווען איך דרוק סענד ענד רעסיוו קומט נישט קיין אי מעיל, נאר איין מאל א טאג נאכן אנצינדן די קאמפיוטער קומען אן די אימעילס

וואס איז פשט?

האט דאס בכלל מיט דעם? איך נוץ אוטלאק עקספרעס.

(-)

נאך איבער היברו אין קוויק בוקס

אזוי ווי איינער האט געפרעגט וועגן נוצן קוויק בוקס אויף היברו(דעת בעל-בית פ׳ קרח) האב איך געוואלט מוסיף זיין אז איך נוץ 2010 אויף היברו און עס ארבייט זייער גיט חוץ די דראפ דאון ארבייט נישט אויף היברו דהיינו ווען מען וויל לייג א פעימענט ביי א קאסטומער און מען הייבט אן צו טייפן די נאמען קומט געווענליך ארויס א דראפ דאון מיט אלע נעמען פון די אות וואס מען האט אנגעהויבן צו שרייבן אבער אויב די קאסטומער נאמען איז אויף היברו קען מען נישט ליינען די נעמען און מען דארף טייפן די גאנצע נאמען.

ברוך מאנדעל

נ.ב. אויב איינער האט א עצה אויף די פראבלעם ביטע אל תמנע טוב מבעליו און זייט מחי׳ נאך אידן.

טרעפן שנעל טעלעפאן נומערן

א גרויסן שכח פאר אייער ארבעט און בין מיך מחייה ממש יעדע וואך, מען זעט אז מען לייגט אריין כחות אז עס זאל זיין א הויכע סטאנדארט

איך וואלט געוואלט איבער געבן א נייע טעכניק וואס איך בין לעצטענס געווער געווארן און עס האט מיר שוין געשפארט אסאך צייט און עגמת נפש,און איך גלייב אז עס קען אויך צוניץ קומען פאר אנדערע ממילא

עס מאכט זיך זייער אז מען דארף האבן איינעמס אדרעס טעלפאן נומער וכו׳ און מען קען עס נישט טרעפן מען קאלט דעם יענער און אסאך מאל קומט מען אפ ביז מען טרעפט די ריכטיגע רוזלטאטן

מען קען איינלאדענען אויף גאגעל טאלק. ווען מען שיקט אריין ask@yiddishtech.com סיי וועלכע נאמען אדרעס אדער פאון נומער קומט אטאמאטיש צוריק יעמענס גאנצע אינפארמאציע

א חוץ וואס עס איז מורא׳דיג גרינג פראקטיש צו נוצן האט דאס נאך א מעלה אז עס נעמט נישט אויף קיין שום מעמארי

אסאך הצלחה און א גרויסן שכח פארן דריקן מיינע שורות.

(-)

המשך טיפס און דאונלאדעס פון א ליינער - 2

א פאר די פאלגענדע מענטשן וועלכע נוצן דעם קאלקולעיטאר אין ווינדאוס, ווייסן ווי אומבאַ׳טעמ׳ט דאס איז. פיצעלעך קאנטראלס, שווער צו פאררעכטן א טעות, מאכט נישט קיין "קאמעס" (שטערנכלער) צווישן לענגערע נומערן ווי טויזנט (ד.ה. 1000000 אנשטאט (1,000,000 א.א.וו. - אפילו אין ווינדאוס 7 וואו עס איז מ׳כלומר׳שט דא א בעסערע קאלקולעיטער, איז עס ווייט נישט אזוי געשמאק.

עס איז פאראן א אומזיסטע דאונלאוד וואס וועט אייך געבן א הערליכן קאלקולעיטער, איר קענט רי-סייזן ווי גרויס/קליין עס זאל זיין, איר קענט טוישן קאלירן, אבער בעיקר האט דאס נוצליכע מעלות, ווי צ.ב.ש א "טעיפ" אין די רעכטע זייט, אז איר קענט זעהן וואס איר האט גערעכנט (אזוי ווי א קאלקולעיטאר וואס פרינט ארויס א צעטל), וואס איר קענט דערנאך פרינטן אדער סעיוון, אדער קאפיען/פעיסטן צו סיי וואו אין ווינדאוס. עס האט די איבנדערמאנטע קאמעס, און נאך פארשידענע מעלות. נאכן נוצן דעם פראגראם וועט איר מער נישט וועלן נוצן דעם ווינדאוס קאלקולעיטאר. (זעהט בילד).



www.moffsoft.com

אונטן אויפן רעכטן זייט פונעם טעסקבאר, ווייזט ווינדאוס דעם זייגער. אין ווינדאוס 7 ווייזט ער אויך דעם דאטום, וועלכע איז גאר נוצבאר.

אויב ווילט איר אן ענליכן (אפשר בעסערן) פראגראם פאר ווינדאוס XP, קענט איר דאונלאודן פון דא:

www.download.cnet.com/TClock/3000-2350_4-10768936.htm

מען קען קאסטומייזן ווי אזוי עס זאל זיך אויפשרייבן, וואס קודם וואס נאכדעם, וועלכע פאָרמעט, וועלכע אותיות, ווי גרויס/קליין, טוישן קאלירן, וכו׳. אזוי אויך קען מען אנשטעלן אז ווען מען גיט א קליק אויפן זייגער, קומט ארויף א הענדי קאלענדער. (זעה בילדער).



May 2010
Sun Mon Tue Wed Thu Fri Sat
< April
June >
esday - May 5/26/2010 - 10:49 AM

הודעה: דער פראגראם ארבעט נישט אין "ווינדאוס וויסטע" לויט א טייל. עס זענען פאראן אנדערע, ענליכע פראגראמען פאר וויסטע. צ.ב.ש.

www.alfasoftweb.com/alfaclock

המשך יבא אי״ה.

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוון צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא

Hebron
Girls in a playground
Jerusalem view
Donuts
Mountain landscape
Yeshiva hall

Click Here
Stock Photos
OtzarStock BETA
Hebrew Fonts
The Only Source for Jewish Graphic Designers

דער אקאונטענט ענטפערט...

By:Kaufman Tax & Financial Inc.

איך האב געהאט א חלום פון עפענען א געוויסע ביזנעס, די ערשטע זאך פארשטייט זיך האב איך געפונט א קארפארעשן, למעשה איז מען פון די גאנצע זאך גארנישט געווארן. איין זאך מיט וואס איך בין געבליבן, איז די קארפארעשן, עס איז אין א טאטעלע כאאס, כ׳האב נישט געפיילט קיין טעקס, נישט געהאלטן קיין חשבונות געהעריג, יו געט די פיקטשער.

בקיצור איך וואלט זייער געוואלט עס צומאכן און פטור און עסק, מיין שאלה איז, וואס וועט למעשה זיין אויב איך מאך עס צו, און איך לאז עס לויפן, ווי אזוי וועט זיך עס אויסלאזן.

(-) באָרא פארק

ענטפער: איידער מיר ענטפערן די שאלה, איז קודם וויכטיק צו שטיקל הקדמה, מיר הערן אזעלכע שאלות גאר אפט, מענטשן האבן פארשידענע פלענער און חלומות, וואס ענדיגט זיך ענליך צו אייערס, עס איז בהחלט נישט קיין שלעכטע זאך צו מאכן פלענער, און למעשה אנהייבן עס אויספירן, אפילו מען פאלט דורך, אדרבא, דאס מיינט דאך חכם כבעל הנסיון.

די איינציגסטע טענה וואס איך האב אבער אלץ צו די מענטשן איז "פארוואס האסטו אבער אויפגעמאכט א קארפארעיישן?"

עס איז זייער ראטזאם זיך דורכצורעדן מיט א מומחה איידער מען מאכט אויף א קארפארעיישן, א קארפארעיישן איז א לעגאלע קערפערשאפט, צו וואס מען האט א התחייבות, עס איז נישט קיין קינדער שפיל. אוודאי ווען מען דארף עס, איז א גוטע זאך, אבער זייער אסאך מאל איז עס גענצליך איבעריג, און עס שאפט בלויז איבעריגע קאפ ווייטאג.

יעצט צום ענין, עס איז נישט קיין ריכטיגע סטייטמענט וואס איר האט געשריבן "איך מאך עס צו, און לאז עס לויפן" די "סטעיט" וועט עס נישט צומאכן פאר די טעקס איז באצאלט, קומט אויס אז "פארמאכן" און "לאזן לויפן" איז א תרתי דסתרי!

המשך קומענדיגע וואך אי״ה

איר קענט אריינשיקן פינאנציעלע און טעקס שאלות צו
Shaalos@balboos.com

Disclaimer: Content is provided for informational purposes only. For accounting, tax, legal, and business advice, you should consult your professional advisors.

צו הערן די וועכענטליכע **ביזנעס טעלעשוי** מיט דעם באקאנטן ביזנעס קאוטש **ר׳ יואל קליין**
רופט 212 444 1100
#3 אויף די מעין מעניו דערנאך # 4 דערנאך # 2

פון מיין
אפיס פענסטער׳ל

נייע טעכנעלאגיע ערלויבט אנצוקומען צום ציל צען-פאכיג שנעלער

אהההההה..... א שטיין אראפ פון פלייצע... איך וויל דא אויסדרוקן ברבים מיין געוואלדיגע קורת רוח און שטויננוג פונעם נייעם טעכנעלאגיע "לייוו פעסטער" - א פראדוקט וועלכע ספיד ארויף דעם לעבן צום מאקסימום, און מען קען אנקומען אין די הויכע 90גער יארן אין אן אויגנבליק.

פון א זשורנאליסטישע פערספעקטיוו האב איך דאס געמוזט אויספרובירן, און יעצט זייענדיג 92 יאר, מיטן שני ווייסן בארד, קען איך בפה מלא אויסדרוקן "מישען עקאמפלישט". איך בין דא ווי יעדער איילט זיך אנצוקומען!

ענדליך ענדליך... אגאנץ לעבן האב איך זיך געיאגט און געאיילט, מענטשן האבן נישט געקענט רעדן צו מיר קיין גלייך ווארט, די אגודל איז מיר רויט געווארן פון די בלעקבערי טרעק-באל פון טעקסטן און ערלעדיגן, איך האב זיך געיאגט, אויסגעיאגט די נשמה, אויפגעשטאנען גלייך צום מנין און וואס האלט שוין ביי ברוך שאמר ווייל איך האב זיך געלייגט שפעט, קיין לעולם יהא אדם האב איך קיינמאל נישט געזאגט, שוין געהאט צוזאמענגעלייגט די טלית ביי אשרי ובא לציון, די לענגערע תחנון פון שני וחמישי איז ביי מיין מנין קיינמאל נישט געזאגט געווארן נאכן געפינען א "ברית" אדער א "יארצייט" אין באהאלטענע קעמערלעך, איך בין געווען דער "פליקער" ווען דער פוילער בעל תפלה האט נישט געוואלט אנהייבן שמונה עשרה, און דער "ברומער" ווען דער ארץ ישראל׳דיגער האט געמוזט רעדן פאר אשרי וועגן זיינע מוסדות על טהרת הקודש. איך בין געווען דער "פייפער" ווען דער אלטער איז פארנט פון מיר איז נישט געפארן ווען דער לייט האט קלאר געוויזן גרין, און דער "אויסקרויזער" ווען דער דיקער פוילער טרעילער איז בלויז געפארן מיט צען העכער דעם ערלויבטן ספיד לימיט.

געאיילט און געיאגט, קיין רואיגע מינוט נישט געהאט, מיין מח האט געפיבערט און געהיצט, אלעס אז איך זאל האבן געלט און איך זאל זיין רואיג, איך זאל קענען חתונה מאכן אלע קינדער, קויפן הייזער, און טיילן פאר די אייניקלעך ביד רחבה.

יעצט בין איך דא!

איך זאג אייך קלאר, עס לוינט זיך יעדן פרייז! יאגט זיך אהער אין מיין פאזיציע די שנעלסטע וואס מעגליך! שוינט נישט קיינעם אויפן וועג, קוקט אייך נישט אום אויף גארנישט, די גאנצע 90 יאר זאל איך צושטערט און פארסאפעט אבער ביי די 91 ווען איך אנקומען צום ציל. יאגט אייך אהער ווי שנעלער! שנעלער שנעלער שנעלער! נו? וואס חלומ׳ט איר? וואס איז דאס גע׳טראכ׳טאכץ יעצט אין אזאלכע אינגע יארן?

די קומענדיגע פאר יאר בין איך רואיג, איך ווייס אז אט אט ווען קומען דער צייט... נו? וואס איז דא זיך צו איילן? איך וועל שפאצירן גאר לאנגזאם מיטן שטעקן, דער ערל וועט מיך ארומפירן ווען מיינע גלידער האבן שוין מייסטנס אפגעגעבן, איך וועל קענען זיצן ביים שיעור און אויסהערן דעם חק לישראל, נו? פרעג איך אייך, האט זיך נישט געלוינט זיך אהערצויאגן?

*

זקניך ויאמרו לך, פרעגט אייער זיידע, פרעגט אים צו ער קוקט זיך נישט אן ביי די 90 ווי ער איז נשפע געווארן פון דעם "לייוו פעסטער" טעכנעלאגיע, דער אינגער לעבעדיגער ארבייטער, וואס האט אלץ בחור געפלאנט אויסצוואוקסן דעם רבן של ישראל - און יענע יארן זענען געגאנגען עפעס אויסטערליש לאנגזאם, נישט געאיילט נישט געכאפט -, אלץ אינגערמאן האט ער זיך אים דאס לעבן געוונען צו גאלאפירן מיט א אומגעהויערע שנעלקייט, ביי די 20 האט ער געשטרעבט צו ווערן א שיינער פארדינער, ביי די 30 האט ער געשטרעבט צו קויפן א הויז, ביי די 40 האט ער געשטרעבט צו ווערן א מיליאנער, ביי די 50 האט ער געשטרעבט צו פראווען ברייטע חתונות, אגאנץ נאך א יאר און נאך יאר אומבאמערקטערהייט, און אומגערישט געט ער א קום אן צו די 70 און די 90, ער איז אנגעקומען מיט א גרויסן שארט סטאפ! נו? וואס יעצט?

האלאו האלאו, בארואיגט בארואיגט אייך! א איך מעג און מוז ארבעטן, א איך מעג און מוז מאכן שיין פרנסה. אבער קאם אן! לאז אביסל נאך די רתיחת הדם, וועסט זיך טרעפן ביי די 60 מיט די זעלבע יאגעניש קרח מכאן וקרח מכאן, הנאה געהאט פון דיין לעבן האסטו נישט, און פון דיינע אלע חלומות האט זיך אויסגעלאזט א זייפן בלאז.

אפשר מיטן שרייבן פאר אנדערע וועל איך אביסל נאכלאזן פון מיין יאגעניש, מי יתן והיה.

balboos
יגיע כפיך כי תאכל
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטעל
- ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
- ספעציעל אויסגעארבעט פאר׳ן ביזנעסמאן אנצוהויבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.
- רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.

טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
718-775-3018
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet

אליבא דהילכתא

זעה תשובה אונטן

טשאדרשען די סעלפאן אין ביהמ״ד.

שאלה: בנוגע די תשובה אויף מיין שאלה איבער טשארדשזען די סעלפאן אין ביהמ״ד (אליבא דהילכתא פ׳ שלח) .

וואס דארף מען טון, אויב וויל די הנהלה אפמאכן אין א געוויסע ביהמ״ד אז דארט מעג מען, אזוי ווי מען שטעלט צו אנדערע הצטרכות׳ן וויל מען דאס אויך צושטעלן, וואס דארף געטון ווערן עס אויסצואורבערטן עפ״י הלכה.

בן ציון, פה עיה״ת מאנסי נ״י

קלאסיפיידס

גוטע פארט טיים פרנסה געלעגנהייט, ארבעט פונדערהיים
מאן אדער פרוי געזוכט צו ברענגען אדווערטייזערס פאר א גוט גייענדיגע פובליקאציע, **גאר גוטע קאמישען באצאלט.**
שיקט אן אימעיל מיט פרטים צו משה:
MOSHEG2001@AOL.COM

ARE YOU PAYING TOO MUCH FOR INSURANCE?
Auto, Home, Property, Business - Give us a call & Save!
JNR Insurance Agency **718-640-1642 - mail@jnrins.com**
בלעקבערי פין: 31E7FFB2

Toners OEM/Generic All Models at super low prices
718-486-7673

Graphic and Web Design
Contact the professional www.SuperDesignNY.com

איינמאליגע קלאסיפיידס זענען בחינם
mail@balboos.com

בית הבתים קומט אראפ צו אייך אין אפיס.
פיקט אויף די תפלין צו בודק זיין.
און ברענגט עס צוריק די זעלבע טאג!
דוב זיידע - סופר סת״ם
718.399.2753

WATCH NOW

ZAHLER
B12 Energizer+
NATURAL CHERRY FLAVOR
NATURAL BERRY FLAVOR
PICK ME UP
120 LOZENGES

מיד ביי די ארבעט?
שלאגט אפ מאטערניש און מידקייט, שעפט אייך אן מיט פרישע נאטורליכע כוחות. Zahler® B12 Energizer+™ וועט אייך העלפן אריין ברענגען ענערגיע אינעם קערפער פונקטליך
א שאד זיך צו מוטשען, **גיבט אריין א חיות אין א איד!**
advanced nutrition by ZAHLER
Feel Better, Everyday

ביזנעס מיט חכמה

ask@askjoelk.com

א רעצעפט פאר דורכפאל:
נישט אפבינדן

דורך: יואל קליין | איממידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

אויב איר זוכט א רעצעפט פאר א דורכפאל, האט איר עס דא: בינדט אייך נישט אפ. אנשטאט דעם, געבט אייך די ברירה פון אויפגעבן. לאזט דעם פאדערשטן טיר אפן. לייגט אייך אן אין דעם צווייפל אויב אייער איבערגעגעבנקייט לוינט זיך בכלל. זייט נישט פעסט מיט אייער אפמאכן צו ציל, נאר פרובירט צו אנקומען דארט. שטייט ווייט פון די פארכט פון דורכפאל דורך זיך נישט אונטערנעמען 100%. דורכדעם, אויב איר דערגרייכט טאקע נישט אייער ציל, קענט איר אלעמאל זאגן אז איר האט נישט געגוט שטארק פרובירט און איר קענט זיך מאכן ווי גלייך איר זענט קיינמאל געווען אינטערסירט אין יענעם ציל. הערט זיך באקאנט? איך מיין מיר האבן שוין אלע געטראכט אזוי אמאל. און דאס איז געווענליך א גורם דורכפאל.

עס איז פאראן א בעסערע וועג: דעם רעצעפט פאר הצלחה. טראכט פון א ציל אין אייער מח. וואס ווילט איר? מאכט עס צו זיין עפעס וויכטיג צו אייך. איר קענט אפשר פארכטן אז איר וועט דורכפאלן אויב איר לייגט זיך צופיל אריין דעראין, אדער אז איר וועט דארפן צופיל אויפגעבן צו אנקומען דארט. דאך, האלט קאפ אויף דעם ציל בשעת איר לייענט ווייטער און טראכט פון מאכן דעם ציל א רעאליטעט:

הערט אויף צו פרובירן- נאר טוהן!

"פרובירט? עס איז נישט דא אזא זאך! עס איז נאר דא "טוה" און "טוה נישט." ווען מיר פרובירן צו טוהן עפעס, איז אלעמאל פאראן א מעגליכקייט פון א דורכפאל. מיטן טוהן און נישט טוהן, מאכן מיר עס אויסוואל. דורכפאל איז נישט א ברירה.

זייט געצילט

איר קענט אנקוקן אייער ציל ווי א וויסטער חלום, מיט א האפענונג אז עס וועט ווערן א ווירקליכקייט. אדער, קענט איר זיך אריינלייגן דאס צו דערגרייכן. אפילו אויב איר ווייסט נאכנישט "ווי אזוי" צו אנקומען דארט, קענט איר נאכלאזן זיין אפגעבינדן דערצו. איר קענט וועלן צו איינזעהן דעם "ווי אזוי" אויפן וועג. ערשט בינדט איר זיך אפ, און דערנאך גייט איר ארבעטן צו פעסטשטעלן דעם פלאן.

"האט נישט מורא פון דעם חילוק צווישן אייערע חלומות און רעאליטעט. אויב איר קענט עס חלומ׳ען, דאן קענט איר עס ערגרייכן."

> "אויב איר קענט עס חלומ׳ען, דאן קענט איר עס ערגרייכן."

יואל קליין איז א בארימטער היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספיריענס.
צו פרעגן א שאלה, שיקט צו ask@askjoelk.com.

Loan Modification? Debt Settlement?
TRUBLE-FREE SERVICE. SOLID RESULTS.
1•845•783 HOPE
יואל זאבעל | לאון מאדיפיקעישאן עקספערט
פאר פערזענליכע און געטרייע באדינונג רופט היינט פאר אן אפוינטמענט
טויזנטער צופרידענע קליענטן
$OLID NEGOTIATION SERVICES

ABC check printing
Tel: 201-305-0411
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

intuit
QuickBooks
Pro 2010
Premie

קוויק בוקס
וואס איז ניי אין 2010

דורך: יוחנן שיף
Email:Yshif@balboos.com

מיר האבן שוין נישט געפלאנט צו שרייבן פון קוויק בוקס די וואך, אבער אונזער אימעיל קעסטל איז פארפלייצט געווארן מיט טענות היתכן אז מיר האבן נאך אויסגעשעמסט פארגאנגענע וואך אין חידוש פון די נייע קוויק בוקס 2010, "אז עס איז דא חידושים ווילן מיר הערן אלעס" האבן מאנכע געפאדערט, אנדערע האבן געוואלט זען א אנאליז צו עס לוינט זיך צו אפגרעידן צו די נייע ווערסיע.

מודים דרבנן היינו שבחהו, איך מוז מודה זיין אז די בעלי טענה האבן עטוואס רעכט, און מיר וועלן יעצט טאקע פרובירן נאכצוקימען די פארלאנג. אין אמת׳ן, חוץ די חידוש וואס מיר האבן אויסגעשעמסט פאריגע וואך, איז נישט דא עפעס קיין ערנסטע זאכן, נאר צו וואס כאפן, לאמיר אראפלייגן די פאקטען כמו שהוא און לאזן די מסקנות פאר אייך...

אריינלייגן געסקענטע דאקומענטן

האט איר גאנצע פייל קעבינעטס פול מיט דאקומענטן, רעסיטס, אד״ג ? אוודאי קען מען עס סתם אזוי סקענען און ארייגלייגן אין קאמפיוטער, אבער וואס וועט זיין נאכדעם, ווי אזוי איז מען עס מסדר, ווי אזוי טרעפט מען עס שנעל און גרינג? אט דאס איז א נייע אפציע וואס קוויקבוקס שטעלט צו, ביי יעדע טראנזאקציע איז דא א "עטעטש" קנעפל, קליקט דערויף און עס קומט ארויס אט די פענסטערל, מען קען ארייגסקענען, אדער צוטשעפענען א עלעקטראנישע פייל פון סיי ווי אויף אייער הארד דרייוו.


Attachments - Bill for Cal Telephone on 12/15/2010
Add Attachment From:
Local Files
Online Document Inbox
Scanner
Attachments for Bill for Cal Telephone on 12/15/2010
File Name
Title
Description
Custom
Date
Phone Bill - December.pdf
Scanned Phone Bill

קענט איר שוין אוועק ווארפן אלע אייערע פייל קעבינעטס? ווענדט זיך צו איר האלט ביים באצאלן, עס שטעלט זיך ארויס אז ביי Intuit (די פירמע וואס ערצייגט קוויק בוקס) ליגט די גאנצע קאפ נאר אין מאכן געלט, די אלע דאקומענטן ווערן נישט אוועק געלייגט אויף אייער לאקאלע הארד דרייוו, נאר אנליין. הגם עס האט מעלות, ווי צבש״פ אז עס איז מער פארזיכערט פון פארלוירן ווערן, און מען קען צוקימען פון איבעראל, אבער פון די אנדערע זייט וועט איר דארפן באצאלען פאר די סערוויס חודשליך. לויט מיין מיינונג וואלטן זיי געדארפט צושטעלן ביידע אפציעס, אבער ווי עס קוקט אויס זיכען זיי וועגן ווי אזוי צו מאכן געלט דורך סערוויסעס, אנשטאט צו פארבעסערן דייער הויפט פראדוקט וואס דאס איז אייגענטליך זייער ספעציאליטעט, אין א צייט וואס די גאנצע מארקעט הייבט אן אריבערצוגיין צו די ביזנעס מאדעל, אין מיינע אויגן איז עס א גרויסע טעות, נאר וואס פארשטיי איך דען...

קאסטומייזן אינוואיסעס

עס איז אלץ געווען מעגליך צו קאסטומייזן אינוואיסעס און אנדערע דאקומענטן, אבער יעצט נעמט עס Intuit פיל טיפער, עס איז מעגליך צוצילייגן א בעקגראונד, ווי אויך קען מען זיך באניצן מיט קאלירן. נאר וואס דען, איך וואלט נישט רעקאמענדירט פאר קיין ערנסטע ביזנעס אנצוהייבן צו שיקן קאלירטע אינוואיסעס מיט בילדער בעקגראונדס, עכ״פ נישט זיין פון די ערשטע.

עלעקטראנישע אינטערשריפט

עס איז מעגליך זיך צו באנוצן מיט א עלעקטראנישע אונטערשריפט צו אינטערשרייבן טשעקס אויטאמאטיש, מען דארף נישט מער אינטערשרייבן די הויפענס פון טשעקס מיט די הענט. הגם עס איז נישט קיין באמבע חידוש, איז עס היבש נוצליך.

מארקעטינג סענטער



די יאר האט Intuit צוגעלייגט א נייע אפטיילונג מיטן נאמען "מארקעטינג סענטער", מיט דעם גייען זיי אריין אין א נייע טעריטאריע, וואס איז ביז היינט געווען באשטימט פאר CRM פראגראמען, עס וועט אייך געבן א רעפארט למשל "די 10 קונים וואס האבן איינגעקויפט פאר די סכום פון 3000 דאלער האבן שוין נישט געמאכט קיין ארדער 6 חדשים" און ער האט די מעגליכקייט צו שיקן א אימעיל מיט א דערמאנונג, אדער גאר א ספעשעל כדי זיי זאלן מאכן א ארדער. אזוי אויך קען מען אנשטעלן ארויס צושיקן א "דאנק" אימעיל נאכדעם וואס איינער קויפט איין. עס איז די אנפאנג פון א גוטע זאך, האפענטליך וועט עס ווערן בעסער אין די קומענדיגע ווערסיעס.

אין אמת׳ן שריי איך שוין יארען אז CRM פראגראמען מיט אקאונטינג פראגראמען וואלטן געדארפט זיין איינס, ווייבאלד די אקאונטינג פראגראם האט דאך שוין סיי ווי אלע אינפארמאציע, נאר קיינער האט נישט עפעס וויסענדיג געמאכט ביז יעצט(אפשר האט עס צו טאן מיט דעם וואס איך האב אנגעהויבן צו שרייבן פאר א געוויסע פרעסטיזשפולע אויסגאבע...). נו אויב אזוי וואלט איך דאך געדארפט טאנצן פאר שמחה פרעגט איר, אבער עס איז נישט ממש אזוי, ווייל דא האבן די חברה ווייטער באשלאסן צו מאכן געלט. די אימעילס דארף גיין דורך זיי, און דאס קאסט ווייטער געלט, זיי געבן 500 אימעילס פאר אומזינסט אויב מען סיינט זיך אויף. למעשה איז די גאנצע נייע אפטיילונג ווערטלאז אויב איר ווילט נישט ספענדן נאך געלט.

א פרישע סערוויס איז צו קענען אריינסקענען טשעקס און דעפאזיטען דירעקט צו די באנק אנליין, נאר פארשטייט זיך אז עס האט סיי חודשליכע און סיי פער טשעק טשארזשעס.

סוף דבר, צוביסליך קומט צו גאנץ פיינע זאכן דא און דארט, רוב דערופן וואלט שוין געמעגט זיין פון יארן צוריק, די פראבלעם איז אז די ריכטיגע חידושים ווילן זיי אויסמעלקן ביזן סוף, אנשטאט עס ארייגצולייגען אין די פראדוקט גופא וואס קאסט בכלל נישט ביליג, פרובירען זיי צו מאכן געלט א צווייטע מאל דורכן עס מאכן פאר אנגייענדיגע סובסקריפשאנס.

למעשה עס איז שווער צו רעקאמענדירן צו אפגרעדן אויב איר האט איינע פון די שפעטערע ווערסיעס, עס איז דא חידושים, אבער נישט גענוג צו בארעכטיגן די הוצאה, אבער אויב איר האט פון עטליכע יאר צוריק, וואס דאן באקומט איר א פראדוקט מיט באדייטענדע שינויים און הוספות, קען עס זיין ווערט די הוצאה.

מיט דעם וועלן מיר שטיין בלייבן לעת עתה מיט די נושא פון קוויק בוקס, מיר וועלן נאך אפשר זיך צוריק קערן דערצו בעתיד, אויב עס וועט זיין א פארלאנג. מיר האבן נאכנישט אפגעמאכט צו וועלכע נושא זיך צו נעמען יעצט, אויב איר ווילט מען זאל שרייבן איבער א געוויסע נושא, שיקט א אימעיל צו Yshif@balboos.com מיר וועלן זיך פרובירן צו רעכענען מיט רוב דעות.
יוחנן



J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
718.855.5702 718.865.0645
info@archteamonline.com
וואו איז דא פלאץ פארן נייעם ארבייטער?

אליבא דהילכתא

איר קענט אריינשיקן שאלות בד׳ חלקי שו״ע וואס זענען נוגע פאר ביזנעסלייט
אין אימעיל צו shalos@balboos.com, אדער קליקט דא

תשובה:

דער ממונה אויף די הוצאות והכנסות פון ביהמ״ד איז בכח מחליט צו זיין אז מען מעג דיך באניצן דערמיט.

בדבר הכתוב בתשובה הקודמת דהמשתמש בתקע העלעקטרי של בית מדרש צריך לשלם ובזה באה השאלה האיך אפשר לעשות שלא יצטרכו לשלם דרוב פעמים ישכח מי שהשתמש בו לשלם.

הנה כל דבר יכולים אנשי העיר למכור ולשנותו וז׳ טובי העיר במעמד אנשי העיר יכולים לשנות אפילו לדבר הרשות אמנם בנידון דידן דאין בו משום הורדת קדושה אלא משום תשלומין אין צריך ז׳ טובי העיר דהוא דוקא ז׳ ובמעמד אנשי העיר אלא סגי שהממונה על הכנסות והוצאות הבית מדרש יחליט שכל אחד יכול לעשותו בחנם שוב אין כאן פקפוק בדבר וזה פשוט.

געענטפערט דורך
לשכת בדרכי נועם, עניני ממונות ושטרות, פשרות בין אדם לחברו, שאלות המצוות בדיני חו״מ.

Late Hours
Open Daily until 10:00 PM
Printout
Print technology in action
829 BEDFORD AVE (BET. PARK & MYRTLE) BROOKLYN, NY 11205
718.855.4040
E-MAIL: JOBS@PRINTOUTCOPY.COM